# דאָס זאַמלבוך אוישוויץ

זומער 1945 האָט אַבֿרהם לעוויטע פֿון ברעזעוו ,לעבן סאָניק ,פּוילן ,יעמאָלט אַ פּליט אין שטוטגאַרט ,דײַטשלאַנד ,איבערגעגעבן דעם ווײַטערדיקן דאָקומענט דעם טשעפּלין מאָריס דעמבאָוויץ .דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון די פּראָפֿעסאָרן אַבֿרהם יהושע העשל און מאַקס אַרצט פֿון דעם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו-יאָרק איז דער מאַנוסקריפּט איבערגעגעבן געוואָרן דעם ייִוואָ ,און מיר דרוקן אים דאָ אָן שינויים אַפֿילו אין אויסלייג ,בלויז אַ און אָ ,פּ און פֿ אאַז"וו פֿירן מיר דורך סיסטעמאַטיש ;מערניט אין דער פֿאָרבאַמערקונג זײַנען ′געמאַכט געוואָרן אַ פּאָר קליינע סטיליסטישע תּיקונים .– רעד

אין אָנפֿאַנג יאַנואַר ה"יי ,קורץ פֿאַר דער ליקווידאַציע פֿון דעם טרויעריקן פֿאַרניכטונגס־ האָבן עטלעכע ערנצטערע ייִנגלעך דאָרט ,[Oświęcim ,אָשפּיצין] לאַגער אוישוויץ ,פּראָיעקטירט צו שאַפֿן אַ מין זאַמלבוך א"נ "אוישוויץ "ווו עס זאָלן זיך געפֿינען לידער שילדערונגען און אײַנדרוקן פֿון דעם געזעענעם און איבערגעלעבטן .די העפֿטן ,אין עטלעכע עקזעמפּלאַרן ,האָט מען געזאָלט באַגראָבן אין פֿלעשער אין פֿאַרשיידענע ערטער ,אויף די אַרבעטספּלעצער אויסערן לאַגער ,דאָס אָנגעטרויען עטלעכע אָנשטענדיקע פּאָליאַקן ,מיט וועלכע מען האָט צוזאַמען געאַרבעט און זיי בעטן ,אַז ווען די קבֿרים וועלן באַפֿרײַט ווערן זאָלן .זיי עס אַרויסנעמען פֿון דער ערד און עס איבערגעבן אין ייִדישע הענט

די ייִנגלעך ,פּונקט ווי אַלע וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אוישוויץ ,זײַנען געווען איבערצײַגט ,אַז זיי וועלן פֿון דאָרט מער נישט אַרויסקומען און דאָס געפּלאַנטע זאַמלבוך האָט געזאָלט זײַן אַ פּרווו אָפּצושפּיגלען זייערע לײַדן ,אַן אויסדרוק פֿון זייער פֿאַרביטערטקייט און אַ מין היתנצלות פֿאַר זייער לעבן וואָס האָט זיי אויסגעוויזן אַזוי שרעקלעך אומווירדיק אין אָנבליק פֿון די שווידערלעכע און בלוט־פֿאַרגליווערנדיקע רציחות פֿון די נאַצי־באַנדיטן ,נאָך איידער .מען איז אין לאַגער געקומען

עס זײַנען שוין געווען אויפֿגעשריבן עטלעכע געלונגענע העברעישע שירים ,פֿון אַן אונגערישן .העברעישן משורר ,אַ התנצלות אין "אַ בריוו צו מײַן ברודער אין אַרץ־ישׂראל "און אַנדערע

דאָס אַלץ איז נישט צו שטאַנד געקומען ,ווײַל מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז דער לאַגער צוליב .דער דערנענטערונג פֿון דער רוסישער אַרמיי ,עוואַקויִרט געוואָרן

דאָס געשריבענע איז געבליבן בײַ די וואָס האָבן עס געשריבן ,און דאָס וואָס קומט דאָ ווײַטער .האָט געזאָלט זײַן די הקדמה צו דעם זאַמלבוך

איך ענדער אין דעם טעקסט גאָרנישט ,ווײַל איך באַטראַכט אים ווי אַ דאָקומענט ,וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אוישוויץ **אין אוישוויץ גופֿא**, עס איז געקוקט אויף דעם טויטלאַגער דורך די לאַגער־ברילן ,ער איז אויך אַן אויסדרוק פֿון די געפֿילן פֿון אַ סך חבֿרים און .מיטלײַדנדיקע ,און איך מיין ,אַז ווי אַזעלכער דאַרף ער אויך האָבן אַ געוויסן ווערט

.רואַן ,פֿראַנקרײַך ,דעם 14טן יוני 1945

"אײַנלײַטונג צו דעם פּראָיעקטירטן זאַמלבוך "אוישוויץ

כ'האָב אַמאָל געלייענט, וועגן מענטשן, וואָס זענען אַפֿן נאָרד־פּאָל גיפֿאָרן און זייערע שיפֿן זענען צווישן די אײַז־קריִעס שטעקן געבליבן, זייערע ס.אָ.ס רופֿן זענען גיבליבן אָן ענפֿער. די שפּײַז האָט זיך זיי גיענדיקט, דער פֿראָסט האָט זיי אין זײַן קלעם גינומין, און אָפּגיריסענע פֿון דער וועלט, דערפֿרוירינע און פֿאַרהונגערטע האָבן זיי גיוואַרט אַפֿן טויט. דאָך האָבן די מענטשן נישט אַרויסגילאָזט די בלײַשטיפֿט פֿון די פֿאַרשטאַרטע פֿינגער. זיי האָבן ווײַטער נאָטירט אין זייערע טאָג־ביכער, פֿאַר זייערע אויגן האָט די אייביקייט גישוועבט.

ווי גירירט בינך דאַן גיוועז דערפֿון דאָס מענטשן אין אַזעלכע טראַגישע באַדינגונגען, וועלכע דאָס לעבן האָט אַזוי אָנרחמנותדיק פֿאַרשטויסן, דער טויט האָט שוין זײַנע לאַפּיס אַף זיי אַרויפֿגילייגט, און די מענטשן האָבן זיך דאָך אַזוי דערהויבן איבערן אייגינים גורל און זייער פֿליכט פֿאַר דער אייביקייט פֿאָרטגיזעצט.

מיר אַלע, וועלכע שטאַרבן דאָ אין דער פּאָלאַרדיקער אײַז־קאַלטער גלײַכגילטיקייט פֿון די פֿעלקער, פֿאַרגעסינע פֿון וועלט און לעבן, האָבן דאָך אַ באַדערפֿיניש עטוואָס פֿאַר דער אייביקייט צו לאָזן, אויב נישט קיין פֿאָלקאָמע דאָקומענטן, איז מינדעסטנס ברעקעלעך דערפֿון, ווי אַזוי מיר די לעבידיקע מתים האָבן גידענקט און גיפֿילט, גיטראַכט און גירעט. אף די קבֿרים וואו מיר ליגן לעבידיק־פֿאַרשיטע, טאַנצט די וועלט אַ שדים־טאַנץ און מע פֿאַרטופּיט מיט די פֿיס אונדזערע קרעכצן און הילפֿס־רופֿן, ווען מיר וועלן שוין זײַן דערשטיקט, וועט מען זיך נעמין אונדז אויסגראָבן; מיר וועלן שוין דעמלט נישט זײַן נאָר אונדזער אַף שבֿעה ימים צושפּרייט אַש, דאַן וועט יעדער קולטורעלער און אָנשטענדיקער מענטש האַלטן פֿאַר זײַן חובֿ אונדז צו באַדויערן און מספּיד זײַן. ווען אונדזערע שאָטנס וועלן אַף די עקראַנען און בימהן זיך באַווײַזן וועלן באַרימהערציקע דאַמין ווישן מיט די פּאַרפֿומירטע טיכלעך די אויגן און אונדז באַקלאָגן: אַך, אומגליקליכע.

מיר ווייסן: מיר וועלן לעבידיק פֿון דאַנין נישט אַרויס. אַף דעם טויער פֿון אָט דעם גיהנום האָט דער טײַוול אייגנהענטיק אויפֿגישריבן: "וואַרפֿט אַוועק די האָפֿנונג, איר אַלע וואָס קומט אַהער אַרײַן." "מיר ווילן זיך מתוודה ]זײַן, [זאָל דאָס זײַן דער "שמע ישראל" "אונדזערער פֿאַר די קומינדע דורות. דאָס זאָל זײַן די ווידוי פֿון אַ טראַגישן דור, פֿון אַ דור וואָס איז נישט גיוועז דערוואַקסן צו זײַן אויפֿגאַבע, וואָס זײַנע ראַכיטישע פֿיס האָבן זיך אונטערגיבראָכן אונטער דער שווערער לאַסט פֿון מאַרטירערטום וואָס די צײַט האָט אַף זײַנע פּלייצעס אַרויפֿגעלייגט.

און דעריבער: עס האַנדלט זיך אונדז דאָ נישט אין פֿאַקטן און ציפֿערן, אין זאַמלין טרוקינע דאָקומענטן – דאָס וועט מען אָן אונדז טון. מען וועט אָן אונדזער מיטהילף אויך קענין צוזאַמענשטעלן די געשיכטע פֿון אוישוויטץ. ווי אַזוי מע איז אין אוישוויטץ געשטאָרבן, דאָס וועלן בילדער, עדות און דאָקומענטן אויך דערציילן. מיר ווילן אָבער דאָ שאַפֿן אויך אַ בילד, ווי אַזוי מע האָט אין אוישוויטץ "גילעבט." ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעען אַ נאָרמאַלער דורכשניטליכער אַרביטס־טאָג אין לאַגער. אַ טאָג, וואָס איז אַ פּלאָנטער פֿון לעבן און טויט, פֿון שרעק און האָפֿנונג, פֿון רעזיגנאַציע און לעבענס־ווילן. אַ טאָג, וואָס איין מינוט ווייסט נישט וואָס די נעכסטע ברענגט מיט זיך. ווי מע גראָבט און מע האַקט אָפּ מיטן קילאַף שטיקער פֿונים אייגינים לעבן, בלוטיקע שטיקער, ייִנגע יאָרן און מע לאָדנט זיי סאַפּנדיק אַף דער לאָרע ]משׂא־אויטאָ [פֿון דער צײַט, וועלכע סקריפּיט אַזוי יאָמערליך, גייט אַזוי ביטער שווער אַף די אײַזער]נ[ע רעלסן פֿון די לאַגער־באַדינגונגין. און פֿאַרנאַכט קיפּט ]קערט מען איבער [מען די לאָרע אַ טויט־פֿאַרמאַטערטער אין טיפֿן אָפּגרונט. אַך ווער וועט דאָס אַרויסנעמען פֿונים תּהום, אַזאַ פֿאַרבלוטיקטן טאָג צוזאַמין מיט זײַן שוואַרצן שאָטן, אַ מיט אַנגסטן באַגאָסינע נאַכט, און עס דער וועלט ווײַזן?

יאָ, עס וועלן מענטשן אַרויס פֿון דאַנין לעבידיקע: נישט־ייִדן. וואָס וועלן זיי דערציילן וועגן אונדזער לעבן? וואָס ווייסן זיי וועגן אונדזערע ליידן? וואָס האָבן זיי אין נאָרמאַלער צײַט גיוואוסט וועגן ייִדישער נויט? זיי האָבן גיוואוסט, אַז מיר זענין אַ פֿאָלק פֿון ראָטשילדס. זיי וועלן אויך יעצט פֿלײַסיק צוזאַמינקלויבן די מאַרגאַרין־פּאַפּירן און וואורשט־בלעזלעך און ווײַזן: ייִדן האָבן זיך נישט־קשה געהאַט אין לאַגער. עס וועט זיי נישט גלוסטן צו גראַבלין אין מיסט־קאַסטן פֿון זכּרון און אַרויסרופֿן דאָרט די שאָטנס די בלייכע, מיט די אויסגילאָשינע אויגן, וואָס האָבן זיך תּמיד־איבערגעשראָקינע אַזוי שטיל גישאַרט בײַ די בלאָקן און מיט די לעפֿל אין בלאָע פֿינגער גיקראַצט די פֿעסלעך פֿון זופּ. גיגראַבלט, צען מאָל מיט שטעקנס אַוועקגיטריבענע, אין די מיסט־קאַסטנס, זוכנדיק פֿאַרשימלטע ברויט־ברעקלעך. די אומגליקליכע, וואָס האָבן ווי די ליכטלעך גיצאַנקט און אויסגיגאַנגין נישט האָבנדיק די מעגליכקייט צו פֿאַרווירקליכן זייער איינציקן טרוים פֿון כאָטש איינמאָל זיך זאַט־עסן. די טויזנטער, אַף לאַגער־לשון אַזוי גירונפֿינע "מאָזל־מענער "לגבי וועלכע יעדער "כּלל־טוער" און לאַגער־פֿונקציאָנאַר האָט גיהאַלטן פֿאַר זײַן חובֿ מקיים צו זײַן די אוישוויטצער מצווה פֿון עזובֿ־תּעזובֿ "– מע האָט זיי געהאָלפֿן – שטאַרבן. דאָס זענין זיי, די שוואַכע און" אונבאַהאָלפֿינע, די טויזנטער אונבאַקאַנטע, וועלכע האָבן אַף זייערע שוואַכע פּלייצעס גיטראָגן דעם גאַנצן עלנט, די גאַנצע אכזריות און גרויל פֿונים לאַגער. די גאַנצע – ווײַל אויך דעם טייל פֿון די פּריווילעגירטע מוזן די שלעפּן, און זיי האָבן גישלעפּט אַזוי לאַנג, ביז זיי זענין גיפֿאַלן און אַ פּאָר גיפּוצטע "קאַפּאָ"-שטיוואַלעך האָבן, ווי דיא ווערם, זיי אַף טויט צוטרעטן.

וועגן דעם וועלן זיי נישט דערציילן, דען צו וואָס קאַליע מאַכן שטימונג און אַרויסרופֿן גישפּענסטער? בפֿרט ס'אייגענע גיוויסן איז אויך נישט איבריק ריין... בעסער רעדן וועגן די עטליכע זאַטע, וועלכע מע האָט גיכער גיקענט. אין דעם גאַנצן ים פֿון עלנט און אומגליק, זענען זיי נאָר די פּאָר פֿון אויוון־שוואומינדע אייל־טראָפּנס, וואָס זענין גיבליבן נאָך דער ציהאַקטער שיף. יאָ, זיי, ווען מיר בײַסן אונדזער אייגן לײַב, פֿאַר ווייטאָג, זאָגן זיי, אַז מיר עסן פֿלייש צו דער זעט, און ווען מע קעפּט אונדזערע עלטער זענין זיי אונדז מקנא, דאָס מיר וועלן די מלבושים קענין פֿאַרקויפֿן.

מיר מוזן אַליין דערציילן וועגן זיך. מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון דאָס אַף אָפּשרײַבן און שאַפֿן אַזעלכעס, וואָס זאָל אָפּשפּיגלין און געבן אַן'אויסדרוק אונדזער טראַגעדיע פֿעלט אונדז כּוחות. אָבער – דאָס גישריבינע דאַרף בכלל נישט גיוואויגן ווערן אַף דער ליטעראַרישער וואָג־שאַל. דאָס מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ דאָקומענט און אַלס אַזעלכעס דאַרף גינומין ווערן אין אַכט, נישט דער קינצטלערישער ווערט פֿון דער זאַך, נאָר מען מוז באַריקזיכטיקן צײַט און אָרט. און צײַט איז: קורץ פֿאַרן טויט און אָרט: אַפֿן עשאַפֿאָט. נאָר פֿונים אַרטיסט אַף דער סצענע פֿאַרלאַנגט מין, ער זאָל שרײַען וויינין און קרעכצן לויט אַלע כּללים פֿון דער קונסט. ווײַל אים טוט נישט וויי, סוף כּל סוף וועט דאָך קיינער נישט פּרואוון צו קריטיקירן דעם באַטרעפֿנדן קרבן, דאָס ער קרעכצט צו הויך, אָדער וויינט צו שטיל.

און צו זאָגן האָבן מיר וואָס, הגם מיר זענין ליטעראַריש גינומין שטאַמלער. מיר וועלן דערציילן, ווי מיר קענין, אַף אונדזער שפּראַך. אויך גאַנץ־שטומע, ווען עס טוט זיי וויי קענין נישט שווײַגן זיי רעדן דאַן, נאָר אַף זייער שפּראַך: שטום־לשון. שווײַגן, דאָס טוען נאָר די באָנטשעס. די מאַכן אַ גיהיימניספֿולע מינע, ווי זיי וואָלטן מי יודע וואָס צו זאָגן גיהאַט. נאָר ערשט דאָרט אויפֿן עולם־אמת, וואו פּאָזע און אָנשטעל גילט נישט מער זאָגן זיי אויס דעם סוד פֿון זייער לעבן – אַ בולקע מיט פּוטער!

*

דער שפּיל איז שוין צו ענדע. עס איז אָפּגיטאָן אַ גיגאַנטישע אַרביט אַנאַרביט פֿון דורות. יהודה איז אָפּגיוויישט געוואָרן פֿון דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד. מע פֿאַרלעשט שוין די גלאָוויניעס. מע צונעמט די קוימינס, די קולטור־מאָנומענטן פֿונים נײַעם אייראָפּאַ, דער מוסטער בוי פֿונים "נײַ־גאָטישן סטיל. מע וואַשט זיך שוין אָפּ די הענט און מע גייט מאַכן אַ ברכה "על כּסוי דם", מילא מיט אַש איז דאָך אַ קנאַפּע דאגה בײַ אַזעלכע פֿינף ליכטיקע קרעמאַטאָריומס.

און די שחיטה איז גיווען אַ הומאַניטאַרע:

אַ פּרעכטיקער זומער־טאָג. עס פֿאָרט אַ צוג "אויסגיזידלטע." פּֿי וואַגאָנען. די פֿענצטערלעך מיט שטעכל־דראָט פֿאַרקלאַפּט. אַף יעדן טרעפּל אַ סאָלדאַט אין פֿולער באַוואָפֿנונג. דורכן פֿאַרקראַטיווויטן פֿענצטערל קוקט אַרויס אַ קינד. אַ ליכטיק פּנימל, קלאָרע תּמימותדיקע אויגן, דער בליק אַזוי נײַגעריק און דרייסט. עס אַנט קיין שלעכטס, עס זעט: אַ גרויס, ברייט־צועפֿנט קאָלירט בילדער־בוך: פֿעלדער און לאָנקעס, פֿאַרביקע – פּאָרן... וועלדער און סעדער, הײַזער און בוימער, רוקן זיך, קרײַזן אַרום אין אַ האַלב־ראָד און פֿאַרשוואונדן... פֿאַרבן גיסן זיך צוזאַמין אין איין שטיק, און דאָס שטיק דרייט זיך אַ ווײַלע, און באַלד גייט עס פֿאַרלוירן פֿאַרן אויג... מענטשן און פֿערד, קליינטשיקע ווי לעבידיקע שפּילצײַג, באַוועגן זיך, גייען און שטייען דאָך אַף איין פּונקט, נאָר דער פּונקט זעלבסט פֿאָרט אויך... – וואו פֿאָרט דאָס אַלעס???...

פּלוצים לויפֿט אָן מיט רעש און אימפּעט אַ צוג ווי אַ שוואַרצער טײַוול, ער פֿאַרשטעלט די פּאַנאָראַמע, פֿאַרלעשט די זון און מאַכט אָפּ אַ שטיקענדן רויך... די וואַגאָנין לויפֿן, איינער וויל כאַפּן דעם אַנדערן... דורכן פֿענצטער קוקן אַרויס מענטשן אין מונדורן, אַזעלכע משונהדיקע, שוואַרצע, אין רויך אײַנגיהילטע, קוקן אויס עפּיס, ווי נישט־גוטע... אַך, דער רויך... ער פֿאַרשטעלט אויך דאָס אַפּילו... ענדלעך – דער צוג איז דורך און ווידער ס'זעלבע בילד:
פֿעלדער און וועלדער, לאָנקעס און גערטנער, בערג און טאָלן, פֿליסן זיך אַזוי רואיק און גימיטלעך, רוקן זיך אַף אַ ריזיקער טאַשמע, גייען פֿאַרבײַ און פֿאַרשוואונדן ערגיץ אין דער ווײַט... הײַזלעך און פּאַרקנס, בוימער און טעלעגראַפֿן־קלעצער שוואומין ווי דורך אַ גרויס גיוויטער אַוועק גישלעפּט. אַלץ גייט. אַלץ באַוועגט זיך, אַלץ לעבט, אַזוי מאָדנע ווי אין די מעשׂהלעך וואָס די מאַמע דערציילט... וואוהין גייט דאָס אַלץ?...

אינווייניק זיצט די מוטער. דער קאָפּ צווישן די הענט. ס'גיזיכט פֿינצטער. ס'האַרץ קלאַפּט עפּיס אַזוי מאָדנע. פֿאַר די אויגן לויפֿן פֿאַרבײַ בילדער פֿונים גאַנצן לעבן: קינדהייט, יוגנט, ס'קורצע פֿאַמיליען־גליק: היים, מאַן, קינד, עלטערן־הויז, ס'שטעטל, פֿעלדער, וועלדער, גערטנער, אַלץ לויפֿט, מישט זיך דאָרט ווי קאָרטן, איין בילד טרײַבט ס'אַנדערע, און אַף דעם אַלים אַ שוואַרצער פֿלעק: די הפֿקר־גילאָזינע חרובֿה וואוינונג, די צישטערטע פֿאַמיליען נעסט: ציפּראַלטע טירן און פֿענצטער, אויפֿגיריסענע שענק, צובראָכן גישיר, אָנגיוואָרפֿינע צוטרעטינע מלבושים, דאָס אַלץ גילאָזן אונטער זיך און יעצט: גיוואַלט, וואו פֿאָרט מין?!...

דער צוג גייט פּאַמעליך ווי אַ לוויה־צוג. ווי ער וואָלט וועלן די קרבנות זייער לעצטן כּבֿוד אָפּגעבן. אין צען מינוט גייט ער צוריק אַ ליידיקער. דער ייִדישער פּלוטאָקראַט און באָלשעוויסטישער ייִד, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן די אַרישע וועלט צו פֿאַרניכטן איז שוין אַף אייביק אונשעדליך. די אויפֿלאָדינגס־קאָמאַנדאָ פּאַקט שוין די נאָך־וואַרימע קליידער אַף די אויטאָס, לאַאַוס, לאַאַוס, דאָרט אין יעקע־לאַנד איז אַף דער באַשטעלונג פֿון דער מלוכה אַ ייִנג קין־דל גיבוירן גיוואָרן, די רײַכס־קאַסע צאָלט פּרעמיען מלאָכה־געלט, קרופּ האָט שוין פֿאַר אים אַ ביקסל גרייט. פֿאַר אים פֿירט מען דאָס אַבֿרהמלעס ווײַסע דורך ציטריקע מאַמע־האַנט אויסגיהאָפּטינע העמדלעך.

און די וועלט ?די וועלט טוט מסתּמא אַלעס וואָס זי קען .מע אינטערפּעלירט און מע פּראָטעסטירט ,מע רופֿט צונויף קאָמיטעטן פֿון 5 ,13 און 18 ,דער רויטער קרייץ קלאַפּט מיט די "צדקה תּציל ממות "פּושקע ,די פּרעסע און ראַדיאָ מאַכן הספּדים ,דער ערצבישאָף פֿון קענטערבורי מאַכט אַן "אל מלא רחמים ,"אין קלויסטערס זאָגט מען "קדיש "און די וועלט בעלי־בתּימלעך טרינקין "לחיים "און וואונטשן זיך "מזל־טובֿ ,"די נשמות זאָלן האָבן אַנ'עליה און מיר אַ ישועה.

*

דער שטריק איז פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן האַלדז .דער תּליון איז גרויסמוטיק .ער האָט צײַט .ער שפּילט זיך מיטן קרבן .ער טרונקט דערווײַל אַ קופֿלע ביר .פֿאַרויכערט אַ ציגאַרעט ,און שמייכעלט אַ צופֿרידינער .לאָמיר אויסנוצן דעם מאָמענט ,ווען דער הענקער איז מיטן זויפֿן פֿאַרנומין ,די תּליה וועלן מיר אַלס שרײַב־טיש באַנוצן ,און אויפֿצייכנין וואָס מיר האָבן צו זאָגן און דערציילן.

אַלזאָ חבֿרים ,שרײַבט ,צייכנט קורץ און שאַרף ,קורץ ווי די טעג וואָס זענין אונדז גיבליבן צום לעבן און שאַרף ווי די מעסערס וואָס ווערן אין אונדזערע הערצער גיצילט .זאָלן בלײַבן אַ פּאָר בלעטלעך פֿאַרן ייִוואָ ,פֿאַרן ייִדישן ווייטאָגס־אַרכיוו ,זאָלן עס אונדזערע בײַם לעבן גיבליבענע, פֿרײַע ברידער לייענין און אפֿשר ווען זיי דערפֿון אויך עפּיס לערנען.

און מיר בעטן בײַם גורל:

יהי רצון מלפֿניך ,אינו שומע קול בכיות ,טו אונז כאָטש דאָס – שתשים דמעותינו בנאדך להיות – באַהאַלט די בלעטלעך פֿון טרערן אינים לאָגל פֿון זײַן ,זאָלן זיי קומין אין ריכטיקע הענט און גיפֿינין זייער תּיקון.

ק .ל .אוישוויטץ ,דעם 3טן יאַנואַר 1945